שנה ד'
נומער 182
פרשת דברים
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל

# סיום הש"ס
## פון הילד
# אברהם לעזער
## נ"י יאיר - מיטוואך מטר"מ






**היכל הקודש נייעס:**
הכנסת ספר תורה אין היכל הקודש טברי'



**פאר די ברסלב'ע תלמידה:**
איך ווארט אויף משיח?!



**היט א טיפערן בליק:**
אונטערן פאן

# קרית ברסלב בלעטל



**4** — **שטעטל נייעס**
סיום הש"ס פון א אינגל אין שטעטל


**5** — **היכל הקודש נייעס**
הכנסת ספר תורה צום בית המדרש היכל הקודש טבריה


**6** — **געדאנקען**
די גרעיט אמעריקן וויסן קאמפאני


**14** — **מיט א טיפערן בליק**
אונטערן פאן


**17** — **ברסלב'ע תלמידים**
איךווארט אויף משיח!?



**24** — **קינדער אפטיילונג**
חידות, שיחות, מעשיות פון תפילה און נאך



רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
**דברים ד' אב תשפ"ג**

הדלקת הנרות.........08:09
מוצאי שבת ............09:39

**מנחה מעריב ואתחנן ... 09:20**


# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הרב אלחנן רוטה שליט"א**
**וזוגתו נחמה אסתר תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משה יודא עקשטיין הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 21 | 73°/58° | Thunderstorms |
| Sat 22 | 74°/54° | Partly Cloudy |
| Sun 23 | 76°/57° | Mostly Sunny |
| Mon 24 | 78°/61° | Mostly Sunny |
| Tue 25 | 78°/62° | PM Thunderstorms |
| Wed 26 | 78°/62° | Scattered Thunderstorms |
| Thu 27 | 83°/62° | Scattered Thunderstorms |
| Fri 28 | 84°/61° | PM Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן טוהן מיר וואונטשן

א הערצליכן מזל טוב

פאר אונזער חשובער

# ראש ישיבה שליט"א

צו די געבורט פון א אייניקל

ביי זיין חשובע זוהן

## הרב אלחנן חיים שליט"א

## חתן מו"ה מרדכי שאול יעקב אינדיג שליט"א

## מנהל תלמוד תורה היכל הקודש

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה מיט'ן מנהל שליט"א זאל זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט, אמן.

# שטעטל נייעס

## ערליכע סיום הש"ס פון א אינגל אין שטעטל



א ערליכע סיום הש"ס איז פארגעקומען פארגאנגענעם מיטוואך מטות מסעי ביים טעגליכן שיעור פאר די בחורים.

איינע פון די קינדער אין שטעטל הילד אברהם לעזער נרו יאיר בן מו"ה יעקב בן הרב יצחק לעזער שליט"א איז געקומען מודיע זיין פארן ראש ישיבה שליט"א אז ער גייט אין די טעג ענדיגן ש"ס. דער ראש ישיבה האט זיך גאר שטארק געפריידט צו דעם בשורה און אים געזאגט ער זאל מאכן דעם סיום ברבים ביים טעגליכן שיעור וואס ער גיבט פאר די בחורים אין היכל ראזענבערג.

פארגאנגענעם מיטוואך מטות מסעי זענען אלע קינדער אריבער געקומען צו היכל ראזענבערג זיך מיטפרייען מיט די שמחה, אלע זענען געקומען אנגעטון שבת'דיג לכבוד די גרויסע שמחה וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג. קודם האט מען געזונגען שיינע ווארימע ניגונים פון תורה, דערנאך האט דער בעל שמחה זיך באדאנקט פאר זיינע עלטערן און פאר דער ראש ישיבה וואס האבן זיי שטענדיג מחזק געווען צו לערנען ש"ס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור פון די שיינע סיום וואס מיר האבן דא, אז א קינד פאר די בר מצוה האט געענדיגט ש"ס, און מען רעדט דא נישט פון ענדיגן ש"ס אין די צייט וואס מען דארף לערנען די לימודים פון חדר, ניין! די בלעטער גמרא האט ער געלערנט אין די זייטיגע צייטן, אנשטאט צו ארומגיין ליידיג, האט ער גענומען די גמרא און געלערנט איין דף נאכן צווייטן, ביז ער האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס, וואס מיט דעם איז ער ממשיך אויף זיך א צלם אלקים.

נאכן סיום זענען אלע אריבער וואונטשן מזל טוב, דער ראש ישיבה האט געפרעגט יעדן באזונדער אויב זיי האבן א שיעור אין ש"ס און אזוי ווייטער.

די סיום האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אלע באטייליגטע, אלע האבן זיך פארגענומען צו אנהייבן פון פריש לערנען גמרא יעדן טאג, און מיט דעם זיך אפוואשן פון אלע פלעקן וואס מען האט אויף זיך.

## פרישע ווענדינג מאשינען ביים בית המדרש



אין די יעצטיגע טעג האט מען געקויפט צוויי נייע פרישע ווענדינג מאשינען ביים בית המדרש הגדול אין שטעטל, אין צוגאב צו די ערשטע ווענדינג מאשין וואס איז שוין דא א לענגערע צייט.

ביז פאר זומער פלעגט די גראסערי זיין ממש א שפאן אוועק פון בית המדרש, אבער יעצט ווען די גראסערי האט זיך שוין אוועקגעצויגן, איז געווארן א פארלאנג פונעם עולם פאר א פלאץ ווי מען זאל קענען קויפן א פרישטאג, לאנטש אדער עפעס א געשמאקע איבערבייס.

נאכן זיך אדורך שמועסן מיטן ראש ישיבה אויב מען זאל אריינטאנצן און קויפן פרישע מאשינען, האט מען געטון צום זאך און באשטעלט איין מאשין וואס איז ספעציעל פאר סעדנוויטשעס און פאר אנדערע פראדוקטן וואס דארפן א פרידזשידער. אזוי אויך האט מען געקויפט א אייסקרים מאשין וואס מען האט געלייגט ביים לינקן זייט פונעם בנין, צו קענען דערכאפן דאס הארץ מיט א געשמאקן קאלטן אייסעס ווען מען דארף זיך אויסלופטערן נאך א לאנגע שווערע טאג.

טברי'

## הכנסת ספר תורה צום בית המדרש היכל הקודש טברי'



געלויבט דער אייבערשטער, נאך אסאך תפילות און אסאך צייט וואס מ'האט נישט געהאט א געהעריגע ספר תורה אין היכל הקודש טברי' האט מען אין די טעג אריין געפירט א שיינע נייע ספר תורה.

אנהייב האט מען געדארפט בארגן יעדער וואך א ספר תורה פון א דערנעבעדיגן בית המדרש לעלוב.

שפעטער האט מו"ה שלמה טייטלבוים ני"ו געשאפט א ספר תורה וואס איז אלט 110 יאר - שנת תרע"ג, וואס איז געלעגן אין ישיבת תפרח פון זיין זיידע כ"ק האדמו"ר מהוסאקוב, הרב מרדכי דוד טייטלבוים זצ"ל פון באר שבע. מען האט געפרעגט א רב אויב מ'דארף עס מגיה זיין, און דער פסק איז געווען אז מען דארף דאס נישט מגיה זיין. למעשה א וואך נאך פסח שבת פרשת שמיני האט מען געטראפן אפאר מחיקות, דארט ווי עס איז אויסגערעכענט די חיות טמאות.

די גבאי פון בית המדרש מו"ה יוסף סאקס הי"ו האט זיך נאכגעפרעגט ביי א סופר וויפיל עס קען קאסטן צו מגיה זיין דעם ספר, דער סופר האט געזאגט אז דאס קען קאסטן בערך פונף טויזענט שקל. למעשה האט מען ווידער געדארפט בארגן פון בית המדרש לעלוב.

אלע מתפללים האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען האבן א כשר'ע שיינע ספר תורה, צו קענען ליינען דערין יעדע וואך אן קיין פראבלעמען.

איין וואך שבת אינדערפרי' שפאצירט אריין מו"ה גדלי' גבאי הי"ו צו קומען דאווענען אין בית המדרש, ר' גדלי' וואוינט בכלל נישט אין דער געגענט פון בית המדרש היכל הקודש און קומט בכלל נישט דאווענען אין היכל הקודש.

למעשה האט ער מיטגעהאלטן די עגמת נפש וואס מען האט מיטן ספר תורה, און מען פרובירט יעדע וואך שאפן א ספר תורה, האט ער זיך אנגערופן אז ער ענדיגט יעצט שרייבן א ספר תורה לעילוי נשמת זיין טאטע הר"ר אהרן גבאי ז"ל וואס איז געווען אלע יארן באקאנט אלס איש מירון, און ער איז גרייט צו ברענגען דעם ספר תורה דא אין היכל הקודש טברי'.

די מתפללים זענען געשטאנען געפלעפט פון די געוואלדיגע מעשה פון תפילה וואס דער אייבערשטער האט דא געהאלפן אזוי אפען. מען האט זיך באדאנקט פאר אים און אים געוואונטשן אלע גוטע ברכות.

ר' גדלי' האט געזאגט: "איך שפיר אז דער אייבערשטער האט מיר דא אריינגעפירט אין בית המדרש נאר פאר דעם, איך האב נישט געוויסט פארוואס איך קום דא דאווענען, יעצט ווייס איך שוין פארוואס".

די כתיבת ספר תורה איז געווען אין מירון מיט משפחת גבאי, און שבת קודש פרשת פנחס פאר'ן ליינען האט מען געמאכט א באשיידענע הכנסת ספר תורה אין היכל הקודש טברי', מען האט געטאנצן און געשפרינגען מיטן ספר תורה, מען האט זיך געפריידט מיט די זיסע תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, און פאר די לעכטיגע סדר דרך הלימוד וואס דער הייליגער רבי' האט אונז געגעבן, וואס מיט דעם קען מען זיין צוגעקלעבט צו די תורה יעדן איינציגן טאג.

נאכן דאווענען איז געווען א שיינע קידוש לכבודה של תורה..

דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון דעם שיינעם ווינקעלע זאל ארויסקומען א לעכטיגקייט פאר דעם גאנצן געגענט, אלע זאלן וויסן פון די לעכטיגע זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן.

**שישו ושמחו בשמחת התורה**

# די
# גרעיט אמעריקן
# וויסל קאמפאני



משה ארי' שניצלער

לאמיר מאכן א משל פון פורים און א נמשל פון תשעה באב, און לאמיר זען וואס מ'קען ארויסנעמען אויף "פראקטיש".

פורים נאכמיטאג זעט מען מענטשן ארומלויפן זוכן, וואו איז די מצב? וואו קען מען נאך אריינכאפן אביסל פורים'דיגס? אביסל לעבעדיגס? ווייל מארגן איז בעק טו ביזנעס.......

טעות.

קענסט מאכן פורים מארגן אויך און איבערמארגן אויך. וואס איז פורים? פורים איז א דערמאנונג אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. ווען מ'האט נאך געגעסן ביי די סעודה פון אחשורוש, וואס דאס האט גורם געווען די גזירה, האט שוין דער גרויסער גוטער באשעפער אנגעהויבן צו פלאנצן די ישועה דורכדעם וואס אחשורוש האט געשיקט רופן ושתי און זי האט נישט געוואלט קומען, מ'האט איר געהרג'עט, אסתר איז געווארן די מלכה און אזוי ווייטער די השתלשלות הדברים.

פורים איז א דערמאנונג אז ס'איז דא א צדיק וואס האט נישט מורא פון המן, אפילו גרויסע צדיקים קריגן קריג אויף אים (כמבואר ברש"י הקדוש, ובדברי חז"ל), מ'זאגט אויף אים אז ער רייצט זיך מיט המן שלא כהלכה, מ'זאגט אויף אים אז ער מוז נישט דארט שטיין ווען המן הרשע גייט אדורך. און נאך און נאך טענות ומענות, אבער דייקא פון די זאך וואס מ'האט געקריגט אויף מרדכי הצדיק, פון דארט אליין איז געקומען די ישועה פאר כלל ישראל, וועך המן האט אים געוואלט הענגען חס ושלום און מ'האט געהאנגען המן הרשע אויף די תלי' וואס ער האט געמאכט צו הענגען מרדכי חס ושלום.

וואס דארפסטו ארום לויפן די צווייטע נאכט פורים זוכן וואו איז די מצב? וואו קען מען אריינכאפן?

וואס מצב? וואס אריינכאפן?

דו קענסט אויך מארגן און איבערמארגן לעבן מיט אמונה אז אין יעדע פאסירונג ליגט באהאלטן גוטס.

דו קענסט אויך מארגן און איבערמארגן גיין צו מרדכי הצדיק וואס קריגט זיך מיט דיין המן פנים אל פנים.

דיין המן זאגט אז דו קענסט נישט מצליח זיין, און מרדכי הצדיק זאגט אז דו קענסט יא מצליח זיין.

און גוטע זיסע געשמאקע לעכטיגע ווארילע בא'טעמ'טע באקוועמע אידן שטייען פון די זייט און פרעגן א טוץ קושיות אויף מרדכי הצדיק... אויב מ'וועט זאגן פאר בחורים און אינגעלייט אז מ'קען תשובה טון אויף די ערגסטע עבירות וועט דאך דאס גורם זיין אז מ'זאל טון מער עבירות?!

פשששששש........ א גאונות אין טיפשות, באלד וועט דער טיפש פרעגן וויאזוי קען זיין אז דער אייבערשטער

האט ארייגנעלייגט תשובה אין די תרי״ג מצוות..... השם ישמרינו פון א טיפש וואס קען נאך אביסל לערנען אויך צו אלע צרות. (די וועלט זאגט דאך א ווערטל אז ווען דער אייבערשטער וויל שטראפן אן עם הארץ, לייגט ער אים אריין א לשון קודש ווארט אין מויל, אז אלע ארומיגע זאלן זיך קייקלען פאר געלעכטער ווי דער מן הארץ קען נאך לערנען אויך.......)

פארוואס זאל מען זאגן דרשות פאר בחורים אז ער זאל נישט אנרירן זיין טעלעפאון שבת? ער קען דאך פון דעם געוואויר ווערן אז מ׳קען מחלל שבת זיין?

פששששששששש....... גג על גג!

בקיצור, באקוועמע אידן וואס גייען נישט ארויס פון די ״קאמפארט זאון״ פאר גאנצע זיבעציג יאר, פארשטייען אויף ערליכע אידן אז ער דארף טון אזוי און אזוי.

פורים איז געמאכט צו דערמאנען דעם מענטש איין זאך, אז ס׳איז דא א ארור המן, און א ברוך מרדכי.

המן איז עמלק, עמלק איז בגימטריא ספק, נאר לעבן מיט ספיקות, צו קען איך מצליח זיין? צו האלט דער אייבערשטער פון מיר? צו גיי איך אמאל זיין סוקסעספול?

מרדכי איז ״ברוך״ מרדכי, דו ביסט א געבענטשטער, דו גייסט האבן געבענטשטע טעג, דיין ביזנעס גייט זיין געבענטשט, דיין שחרית מנחה מעריב גייט זיין געבענטשט, דיין שלום בית גייט זיין געבענטשט, דו ביסט גוט, די וועלט איז גוט, אלעס גייט זיין גוט, געב עס נאך א פאר מינוט, געב עס א טשענס, אנטלויף נישט פאר שולחן עורך.

תשעה באב האט אויך א וויכטיגע נקודה וואס איז וויכטיג פאר יעדן טאג אין יאר, די בית המקדש מוז ווערן געבויט די געבויעכץ פון די בית המקדש איז א ברייטע פארצווייגטע אונטערנעמונג, מ׳מוז האבן יעדן איד אין די הייליגע ארבעט. קוק יעדן טאג ווי אזוי קען איך היינט בויען א קליינטשיגע שטיקעלע פון די בית המקדש?

למשל מ׳בויעט די וויליאמסבורג בריק און איך ברענג איין פונט אייזן (פאר די צוויי הויכע טורעם׳ס אליין דארף מען צוועלף מיליאן פונט אייזן, זעקס מיליאן אין איין טורעם) ביי מענטשן זעט עס אויס ווי א געלעכטער, אבער ווען דער אייבערשטער קוקט וואס א איד טוט איז יעדע קליינע זאך חשוב.

ביי אסאך מענטשן מיינט תשעה באב נאר אבילות, נאר טרויעריג, ס׳איז דא מענטשן וואס פילן אפילו דערשראקן און פארלוירן ווען זיי טראכטן פון תשעה באב. מענטשן מישן צאם די





שוועריגקייט פון פאסטן, מיט די דינים פון נישט גיין מיט שיך וכדומה. דאס איז צוויי עקסטערע זאכן. ס'איז אויך דא מענטשן וואס מישן זיך אויס מיט די אימת יום הדין פון יום כיפור, יעצט רעדט מען פון בויען די בית המקדש, נישט פון אימת יום הדין. אט אט גייט די הייליגע בית המקדש ווערן פארטיג! באלד וועט זיין פריילעכע זיסע לעכטיגע טעג!

די תורה'דיגע בליק איז, אז תשעה באב איז א דערמאנונג אז די קאנסטראקשן גייט אן "א גאנץ יאר". מ'בויט די בית המקדש יעדן טאג, יעדע מינוט, ווען מ'קושט די מזוזה בויט מען די בית המקדש, אז מ'געט א פעני פאר צדקה בויט מען די בית המקדש, ווען מ'רעדט שיין צו די ווייב, בויט מען די בית המקדש. דאס איז תשעה באב, נעם מיט דאס בויען די בית המקדש אויף יעדן טאג פון יאר.

אזוי גייט עס אין ברסלב, שמחת תורה איז א גאנץ יאר, טאנץ מיט די תורה יעדן טאג פון יאר. פסח א גאנץ יאר, ארויס פון מצרים (מצרים איז א לשון פון פרעשור, מיין מח איז צודריקט) פסח איז טייטש "רעד צום אייבערשטן" ("פה סח").

שבועות איז א גאנץ יאר, מ'לערנט א גאנצע נאכט, מ'לערנט ווען ס'איז אינגאנצן נאכט, ס'איז פאר'כמארע'ט, פארוואלקנט, אבער איך לאז נישט אפ די הייליגע זיסע משניות. נאך א פרק משניות און באלד קומט די יאמ-יאם טשיזקעיק! משניות מאכט די לעבן זיס!

ל"ג בעומר איז א גאנץ יאר, רבי שמעון בר יוחאי זאגט ער קען פטר'ן די גאנצע וועלט פון אלע עונשים, יעדער מענטש האט א וועג ארויס צו גיין פון זיינע עבירות.

תשעה באב איז א צייט פון טרויערן אויפ'ן בית המקדש, מיר נעמען מיט דעם בית המקדש אויף א גאנץ יאר, איך גיי אריין אין די קאנסטראקשן ליין! איך גיי בויען די בית המקדש! יעדן טאג אביסל.

אביסל רעדן שיין, אביסל אויסהערן די קינדער, אביסל משניות, אביסל תהלים.

איך גיי אביסל זיין פריילך, אביסל, ווייל צו סאך אויף אמאל וועט דער יצר הרע נישט צו לאזן. קודם פינף מינוט פריילך, נאכדעם וועלן מיר ווערן געהעריג צוריק נארמאל אזוי ווי יעדער......

כ'האב א חבר מענדעלע קרעכצעכמער, דאכצעכמער אז זיין נאמען האט א שייכות מיט זיינע ביטערע זויערע קרעכצעכצער וואס ער זיפעצט ארויס פון צייט צו צייט.

ער ציטערט געפערליך פון זיין פרייליך, ער שרעקט זיך פון שמחה נאכמער ווי פון טויט.

און ער האט א גערעכטע טענה! ער ווייסט פון איינעם וואס איז געווען פרייליך פאר א האלבע שעה און זיך אריינגעגליטשט אין הוללות אריין! ותוצאותיו מי ישורנו! ווי פאר אונז אז מיר האבן געדארפט אזוינס הערן מיט אונזערע פליישיגע אויערן!

איז געגאנגען אונזער מענדעלע קרעכצעכמער און זיך פארבינדן מיט די גרעסטע פייפער קאמפאני אויף דער וועלט, מיט'ן נאמען "די גרעיט אמעריקן וויסל קאמפאני און גרעיטער קרעכצעכוויל, קענטאקי" און באשטעלט א דריי הונדערט פונטיגן פייפער וואס וועט באהיטן און באשירעמען און באאבאכטן אונזער מענדעלע קרעכצעכמער פון זיינע קאשמארן.

וויאזוי? פשוט! אויב דער הוללות-מעקאניזם וועט נאר דערשנאפן אז מענדעלע קרעכצעכמער גייט אריבער פון שמחה צו הוללות, וועט עס א געשריי טאן מיט א דריי טויזנט דעסיבל'דיגן פייף! (ביי פינף הונדערט דעסיבל'ס איז דער מענטשליכער "אויער פויקעכל" צוברעקלט און צו מזיק'ט השם ישמרינו) און מענדעלע וועט מאכן א "טרי-סיקסטי" אוועק פון די הוללות-ליניע.



דער דריי הונדערט פונטיגער פייפער מאכט א גוטן דזשאב! מענדעלע קרעכצכמער איז שוין סאך רואיגער. ער איז א פארזיכערטער אז אין הוללות פאלט ער שוין נישט אריין.

לעצטנס איז ארויס א שמועה אז מענדעלע האט שוין נישט געהאט קיין אייס קרים פאר ניין אום צוואנציג יאר! ווייל ער האט אמאל געהערט ווי איינער זאגט אז אייס קרים קען צומאל מאכן פרייליך, און בלויז הערנדיג דאס האט זיך מענדעלע דערמאנט פון זיין "הוללות-פאביע", דערפאר האט ער אפגעמאכט אוועקצושטיין לגמרי פון אייס קרים!

אבער לאכט נישט פון מענדעלע קרעכצעכמער! ווען נישט דער הייליגער באשעפער געבט אונז די נערוון מעדעצין וואס הייסט "זאגן משניות", וואלטן מיר נישט געהאט קיין שום רעכט זיך צו דרייען אויף דעם פלאנעט "ערד". דער רבי אליין זאגט דאך אז די וועלט איז בלויז צרות, נאר א מענטש וואס זאגט משניות און רעדט צום אייבערשטן האט דעם גן עדן אויף די וועלט. די מח איז אים באפרייט. אזוי ווי א מענטש וואס מ'שיסט אויף אים מיט א גאן און ער באהאלט זיך אונטער א בולעט-פרוף גלאז פון פיר אינטשעס דיק. קענסט שיסן ביז איבערמארגן, רעדן צום אייבערשטן באהיט דעם מענטש אז אלע קוילן וואס פליען זאלן נישט קענען צוקומען צו אים.

די קוילן פליען ווייטער, אבער דער וואס האט אמונה איז אין א בולעט-פרוף באקס. קענסט שיסן ביז איבערמארגן.

# מעשיות פון תפילה



## אלחנן זויבערמאן - צפת:

**א.** איך האב באשטעלט א געוויסע זאך וואס איך האב געדארפט האבן זייער וויכטיג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אנקומען שנעל אין צייט, שכח אייבערשטער עס איז אנגעקומען פונקט אין צייט.

**ב.** איך האב געוואלט זיין א שבת אין ירושלים עיר הקודש (יענע שבת וואס די עקסידענט האט פאסירט, וואס איז געווען אויפן וועג צוריק פון ירושלים) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א געשמאקע שיינע אכסניא, שכח אייבערשטער איך האב באקומען א דירה פאר אומזינסט.

**ג.** איין וואך האב איך פארפעלט צו ענדיגן 'מעביר סדרה זיין', איך האב מיך צוגעזאגט אז איך וועל עס משלים זיין, אבער למעשה האב איך פארגעסן. די קומענדיגן זונטאג האב איך מיך נישט גוט געשפירט. מאנטאג בין איך געווען פארנומען, און דינסטאג האט די פאלגענדע פאסירט.

אינדערפרי גיי איך ארויס פון שטוב, איך גיי צו מיין קאר, אבער והילד איננו... די קאר וויל זיך נישט אנצינדן....

איך האב גערופן 'ידידים' ('ידידים' זענען די חברה וואס קומען העלפן מענטשן וואס זענען סטאק מיט זייער קארס) 4 האבן נישט געקענט טרעפן דעם פראבלעם.

איך שטיי דארט אינגאנצן פארלוירן און נערוועז, איך געב מיר א עפן מיין מויל צו רעדן צום אייבערשטן, איך האב אן מאכן א חשבון הנפש, וואס קען דא זיין, פארוואס האט דאס פאסירט, און פלוצלינג בליצט מיר אריין אין קאפ פארוואס דאס האט פאסירט, דער ראש ישיבה זאגט דאך שטענדיג נאך פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אז א וואך וואס מ'איז נישט מעביר סדרה וועט פאסירן עפעס א שאדן.

איך האב צוגעזאגט דעם אייבערשטן אז איך גיי עס משלים זיין און זיין א גוט קינה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פון טיפעניש פון הארץ אז די קאר זאל ווערן פאררעכטן, און פון היינט און ווייטער וועל איך שוין געדענקן צו מעביר סדרה זיין.

נאך אסאך תפילות איז די שאדן ברוך השם נישט געווען צו גרויס, עס האט געקאסט א הונדערטער. אבער די מעשה האט מיר ברוך השם גוט אויפגעוועקט פון שלאף צו געדענקן אז מען דארף מעביר סדרה זיין יעדע וואך.

## ראובן בירנבוים - קרית ברסלב:

מיין בוילער האט זיך צובראכן, עס האט אויפגעהערט צו ארבעטן פון איין טאג אויפן צווייטן, וואס דאס האט גורם געווען אז איך זאל נישט האבן קיין הייס וואסער אין די דירה.

איך האב פרובירט צו באקומען א נייע בוילער אינטער די ווארענטי פון די קאמפאני, אבער זיי האבן נישט געוואלט דאס געבן, זיי האבן געזאגט עפעס א תירוץ פארוואס עס איז נישט אינטער די ווארענטי.

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א בוילער, איך דארף קענען באדן די קינדער, איך דארף וואשן דישעס, און אזוי ווייטער. אויך האב איך צוגעזאגט צו אריינלייגן די מעשה פון תפילה אינעם בלעטל.

שכח אייבערשטער אז צום סוף זענען אנגעקומען צוויי גוטע שלוחים פון אנשי שלומינו, אליעזר שמן נרו יאיר מיט אברהם הערש וועבערמאן נרו יאיה, וואס האבן מיר באמת פראבורט צו העלפן מיטן גאנצן הארץ. מען האט גערופן די פלאמבער וואס האט דאס געהאט אינסטאלירט, און ער האט גערעדט צו די פלאמבינג סטאר וואס האט דאס פארקויפט. עס האט זיך געשלעפט אפאר טעג אהין און צוריק, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א בוילער וואס ארבעט פיין אן קיין פראבלעמען.

צום סוף האט דער אייבערשטער מיר געהאלפן אז איך האב באקומען א נייע בוילער פון די פלאמבינג סטאר, זיי האבן גענומען די פולע אחריות אויף דעם.

שכח אייבערשטער פאר דיינע געוואלדיגע חסדים.

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זַיין דָא אִין שְׁטֶעטְל אוֹיפְ'ן זוּמֶער; עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט פוּן הִימְל אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֶעמְפְּ, אַזוֹי זֶענֶען מִיר אִין שְׁטֶעטְל.

**אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי עֶרְלִיכְקֵייט פוּן דֶעם פְּלַאץ** אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי אַחְדוּת וָואס הֶערְשְׁט דָא; דִי מִשְׁפָּחוֹת לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אִינְאֵיינֶעם, יֶעדֶער הֶעלְפְט זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, יֶעדֶער זוּכְט צוּ טוּן גוּטְס פַאר אַנְדֶערֶע - **מֶען שְׁפִּירְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין דִי לוּפְט**, אַלֶע דִיבּוּרִים דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי אִיז דָא; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וָוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "**תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד**", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "**כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפָּעַם**". אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז)".

אַז אִיר וֶועט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן קמח): "**עִיר שֶׁהִיא צַיֶּית אֶת הַצַּדִּיק**", אַ שְׁטָאט וָואס פָאלְגְט דֶעם צַדִּיק, "**אֵין מִלְחָמָה נִשְׁמַעַת בָּהּ**", הֶערְט מֶען נִישְׁט אִין אִיר קַיין מִלְחָמוֹת, "**וְאֵין מְהוּמָה**", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַארְלוֹירְנְקֵייט, "**וְאֵין שְׁמוּעָה רָעָה**", אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט הֶערְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע נֵייעֶס.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

פון דער

# ראש ישיבה שליט"א



## בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ

## חֵלֶק ב'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וִויאַזוֹי מֶען קֶען נֶענְטֶער בְּרֶענְגְן מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז אֵיין וָוארְט: 'מַחְלוֹקֶת'; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא סט:): "**וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן**", אַז דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז נָאךְ אַלְץ צְווִישְׁן אוּנְז.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וֵוייְנֶען אוֹיף מַחְלוֹקֶת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "**דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז אַז עֶס אִיז דָא פֵּירוּדִים צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער**"; דִי אַשְׁכְּנַזִים ווִילְן נִישְׁט דִי סְפַרְדִים אוּן צְווִישְׁן זִיךְ אִיז מֶען אוֹיךְ צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלָאגְן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי סְפַרְדִים, מְ'ווִיל נִישְׁט דִי אַשְׁכְּנַזִים אוּן צְווִישְׁן זִיךְ הָאט מֶען זִיךְ אוֹיךְ פַיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

**מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן:** "מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹיף אֵיין שִׁיף, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם מַאכְן לֶעכֶער אִינֶעם שִׁיף אוּן ווִילְן אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם דֶערְטְרֶענְקֶען"; דַארְפְ'ן מִיר זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן נִישְׁט זוּכְן יֶענֶעם צוּ קְלַאפְּן, דָאס אִיז דֶער גָלוּת אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעטְן מִיר אוּן וַוארְטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן דִי אַלֶע קַטְנוּת'עֶר, אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי נְבוּאָה אוֹיף דִי צַייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען (יְשַׁעְיָהוּ יא, ו): "**וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ**", דֶער וָואלְף מִיט דִי לֶעמֶעלֶע, דֶער לֶעמְפֶּערְט מִיט דִי צִיגֶעלֶע וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "**וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם**", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "**וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן**", דֶער קוּ מִיטְ'ן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁען, דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת. "**וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה**", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלֶענְג, "**לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי**", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְ'ן צְוֵוייטְן, וַוייל עֶס וֶועט זַיין: "**כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים**", אַלֶע וֶועלְן ווִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

# א מעשה
## פון א צדיק

## לֶערְנֶען גְּמָרָא!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע רִימֶענוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קָבוּעַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אֵיין יָאר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּ גֵיין צוּם עָמוּד, הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן פַארְן דַאוֶוענֶען אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן, אוּן מֶען זָאל צוּ שִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עָמוּד.

אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין דַאוֶוענֶען בִּיז ווִילַאנְג מֶען זוּכְט אִים אוֹיף אוּן מֶען וֶועט אִים טְרֶעפְן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל צוּ שִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עָמוּד.

זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעגַאנְגֶען זוּכְן, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאפְן וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן. מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען בִּיז עֶר קוּמְט צוּרִיק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי ווִי אֵייבִּיג.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט מֶען אִים גֶעמוּטְשֶׁעט עֶר זָאל פַארְצֵיילְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "כַּךְ מְקֻבְּלַנִי, אַז וֶוער עֶס אִיז אַ בַּעַל תְּפִלָּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, אָבֶער הֱיוֹת אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס פוּן מַיין שְׁטָאט פְּרִיסְטִיק צוּ קוּמֶען קַיין לִיזֶענְסְק, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ טִרְדוֹת, אִיז מִיר נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא, הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן, וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד".




זֶעט מֶען פוּן דֶעם - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט - וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען גְּמָרָא, אַז דָאס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת"; אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא, וַוייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן.

(עצתו אמונה וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ו' תִּשְׁרֵי, תשע"ח)



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע



| פארזעצונג |

**- מ"א -**

**פארזעצונג פון פריער:** אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁטָאט דַאשִׁיב. דָארְט הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יוּדְל זַ"ל. זַיין תַּלְמִיד ר' בֶּער זַ"ל, הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים, וַוייל דֶער וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי'ן ר' יוּדְל, אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, אָן קַיין צִמְצוּמִים, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן.

* * *

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען שְׁטַארְק בַּאוואוּסְט אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אַלְס אַ הֵיילִיגֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָאט ר' בֶּער אֵיינְמָאל בַּאשְׁלָאסְן אַז גֶענוּג אִיז גֶענוּג, עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי פִילֶע יִסוּרִים אוּן צָרוֹת, דִי סְפֵיקוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט יָא אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֶבִּי אִים קֶענֶען הֶעלְפְן.

עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן. קוֹדֶם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה. הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי צְדָקָה, וִוי סְ'שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית ט"ו, ו') "וְהֶאֱמִין בַּה' וַיַחְשְׁבֶהָ לוֹ צְדָקָה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וַוייל "אֱמוּנָה" אִיז בְּגִימַטְרִיָא "בָּנִים".



דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיין גַאנְצְן בִּיטֶער הַארְץ, אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אִינְגַאנְצְן פוּן דִי זִיסֶע טֵייעֶרֶע הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָן קַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן יִסוּרִים, נָאר מִיט אַ זִיסְקַייט, לֶעכְטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק.

עֶר אִיז גֶעוָוארְן מַמָשׁ וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט פוּן פְרִישׁ אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיוּת אוּן שִׂמְחָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט גֶעזֶען אַז עֶר גֵייט אַסַאךְ צוּם רֶבִּי'ן, אִיז זִי אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף אִיר זוּן, אַז עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט חֲצוֹת, עֶר שְׁלָאפְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַסַאךְ קָאפּ וֵוייטָאג אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וָואס ר' בֶּער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דוּ זָאלְסְט שְׁלָאפְן אוּן עֶסְן גֶעהֶערִיג, נָאר זָאלְסְט הִיטְן דִי צַייט, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ וַוייטֶער צוּ פִירְן".

עֶר הָאט טַאקֶע גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער, "דַיין חֲצוֹת וֶועט זַיין דְרֵיי אַזֵייגֶער", אוּן עֶר הָאט דָאס טַאקֶע מְקַיֵים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פְלֶעגְן זַיין אִין שׁוּל בַּיינַאכְט הָאבְּן אַלְס גֶעוואוּסְט אַז וֶוען ר' בֶּער קוּמְט אָן אִיז דֶעמָאלְט דְרֵיי אַזֵייגֶער

פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער הָאט ר' בֶּער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צִמְצוּם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט. עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הַאנְדְלֶען אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן עֶר אִיז רַייךְ גֶעוָוארְן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן עֶר זָאל אָפְּשֵׁיידְן אַ חוּמֶשׁ, אַ פִינְפְטְל פוּן אַלֶעס זַיינֶע פַארְדִינְסְטְן, אוּן עֶס גֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶעלַייט פַאר צְדָקָה, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "מִיט מַיין חוּמֶשׁ, הָאבּ אִיךְ קַיין מוֹרָא נִישְׁט אֲפִילוּ פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, סְ'וֶועט מִיר גוּט צוּנִיץ קוּמֶען". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוֹיף זַיין גֶעוַואלְדִיגְן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מְ'הָאט מוֹרָא וֶוען דִי רוּסִישֶׁע אָפִיצִירְן נֶעמֶען צוּ שְׁמַייסְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# אונטערן פאן

ישראל דוד העסקעל

**שטייען** אפאר גוים טיפשים און פראטעסטירן אין די מאסן, זיי דרייען איבער, שטעלן אפ גאנצע גאסן, שרייען קולות ווי צעיושעטע ציגיינער, עפעס דרוקט זיי גאר שטארק אויף די הארץ, ס'לאזט זיי נישט שלאפן ביינאכט, זיי דרייען זיך מיט בייזע קאשמארן...

וואס וועט זיין???

די גאז, די אויל, גלאובעל ווארמינג און ביל געיטס, די וועלט פשוט ווערט צולאזט, די סכנה איז גרויס, ס'איז ביטער ווי די גאל, קיינער כאפט נישט, די מידיע פארנארט יעדן, מ'הרגע'ט אפ אומשולדיגע חיות און בהמות ווי רוצחים, און ווער רעדט נאך פון די וואקסינען - האלב מענטשן זענען ראובאטס, די טרינק וואסער איז גאזאלין, קארס איז דאס וואס גייט ברענגען די וועלט צו אן ענדע. ס'צררררוווותתת!

פאני? צודרייטע מענטשן?

יא זיכער!



נאר איין קלייניקייט האט דאס מאל פאסירט... עפעס א אינגערמאן שפאצירט אין די גאסן מיט זיינע חברים, זיי ווערן משוגע מיט די צייט, זיי דרייען זיך פון דא צו דארט, און קוקן וואס ס'גייט פאר ס'דא עקשאן - ס'טוט זיך עפעס א מצב, גוים שטעלן אפ די גאסן, מענטשן רעגן זיך, ס'גייט קולות וברקים, זיי מוזן זען וואס גייט פאר...

די חברה קומען אן דארט אויפן סצענע און קודם שטייען זיי איידל פון די זייט פרעגן נאר פון די פארבייגייער, וואס דא גייט פאר?

אה די קליימעט טשעינדש משוגעים....

זיי בלאקן גאסן, געפערליכע חברה!

איין יונגערמאן כאפט א שנעלע החלטה ער טראכט נישט קיין צוויי [אויך נישט




קיין איינס] און ער לויפט אריין אין די גאס און הייבט זיך אן טענה'ען מיט זיי...

קודם שרייט ער זיי אן "עטץ ווייסט אז דא איז דא מענטשן וואס האבן דזשאבס? וואס האבן א לעבן? ענק מיינען ס'איז עפעס א דזשויק צו געבן א שטעלאפ א גאנצע גאס?" ער האלט זיי געפערליך פאר...

און זיי הייבן אן צוריק שרייען אויף אים "אלע די קארס גייען ברענגען א עק צו דער וועלט ס'איז צרות, אויב האסטו אויף איינעם רחמנות זאלסטו זיך אויך מיט שטעלן מיט אונז".

דער איד פרובירט נאכאמאל צו טענה'ען מיט לאגיק, אבער אזוי ווי ער זעהט גאנץ שנעל איין אז רעדט צום דופן עקומה, הייבט ער זיי אן אנצושרייען און צו באזידלען "ענק טיפשים, נאראנים און ליידיג גייערס, טרעפטס א דזשאב און הערט אויף איבערקערן די שטאט..."

אבער זיי זענען אים נישט שולדיג געבליבן און זיי הייבן אן צוריק שרייען "דו ביסט א באקוועמער מענטש, דו ווייסט נישט וואס עס גייט אריבער אין די וועלט, די לעבסט אונטער א שטיין, דא איז דא ביליאנערן פון די אויל פירמעס וואס אויסער זייער טאש אינטערעסירט זיי גארנישט, און זיי זענען גורם אז די וועלט זאל חרוב גיין..."
דער איד שפירט ווי ער טראגט עס נישט איבער, אזוי פיל שטותים, אזוי פיל דמיונות, אזעלכע נאאיווע קעפ, ער זעהט אז לאגיק פארשטייען זיי נישט, הייבט ער אן טרייבן ליצנות פון זיי ער זאגט זיי, "יו נאו וואט? איך בין בעל הבית אויף אלע אויל קוועלער ענק זענען הונדערט פראצענט גערעכט! איך וויל שוין לאנג חרוב לייגן די וועלט פאמפ איך אויל און די קארס פארן און יעדער גייט שטארבן יא יא אלעס איז אמת..."

ער קוקט שנעל אויף זיינע חברים, יא אלע לאכן ער שפירט זיך ממש ווי א עכטער ביליאנער, ער האט זיין עטענטשאן ער פילט ווי היינט האט ער עפעס אויפגעטאן ביז...

ביז א גוי מיט א קעמערע קומט צו צו אים און פרעגט אים "האט איר אפשר א מעסעדזש פאר אונזער צוקוקער? ווילט איר מסביר זיין פארן עולם וואס קומט דא פאר?"

דער האט געמיינט אז די וועלט איז אראפגעפאלן אויף אים, ער צוקעקעטצט זיך עם מי נאו... איי דשאסט קעים וויט פרענדס, סארי און ער ווערט נעלם פון שטח כהרף עין.

דעם נעקסטן צופרי פארן דאווענען שחרית קומט אים יעדער באגריסן "גוד מארנינג ראבי..."
ביים ערשטן האט ער געמיינט ס'איז סתם עפעס א דזשויק, אבער ביי די זיבעטע מענטש וואס געבט דעם קאמישן גוט מארגן געבט ער א פרעג






מאי האי? וואס איז די מאדנע גוט מארגן?

וואס דו ווייסט נישט? די מידיע איז אויף מיט דיר, א האסידיק ראביי קעגן די לינקע עקסטרעמיסטישע גרופע! זיי האבן געמאכט פיינע צימעס פון דיר.

ער האט נאר געוואלט האבן אביסל פאן אבער ער האט פארגעסן פאר אפאר מינוט אז ער גייט מיט בארד און פיאות מיט א רעקל מיט א חסידישן לבוש ער פארטרעט איינעם! דער גוי ווייסט נישט אז דו ביזט א פשוטער פוסטער ליידיג גייער וואס האט געזוכט צו שטופן דעם טאג, ביי אים ביסטו דער פארטרעטער פון די חסידישע אידענטום!

*****

ס'איז דינסטאג נאכט מיין חבר קומט צו צו מיר נאך מעריב: "אה דו ביסט דאך א ברסלב'ער יא?! קוק לאמיך דיר ווייזן א שיינע קליפ ווערסט הנאה האבן..."

אקעי לאמיר זעהן - ער ווייסט מיר א קליפ פון איינע פון די היימישע קעמפס אין די קעטסקיללס אז האבן געמאכט אן עקטיוועטי איין טאג כאילו זיי זענען ברסלב'ע און די גאנצע קעמפ האט זיך אנגעטאן ווייסע קאפלעך און געגאנגען צו א וואסער און מ'זעהט דארט אויפן קליפ ווי דער ראש מדריכים שרייט אריין אינעם מייק קינדער יעצט זאל יעדער אויפהייבן די הענט און שרייען אאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאוי!

און אלע קינדער שרייען... און יעצט רופט אויס דער ראש מדריכים זאלן אלע קינדער שרייען אבאאאאאאאאאאאאאא... און אלע קינדער שרייען אים נאך...

איך שטיי אינדרויסן פון שוהל אויפן גאס, און דער אינגערמאן פרעגט מיר מיט תמימות "זיס, ניין?"

ס'איז אויף מיר אריבער א קאלטע שוויים באמת טראכט צו זיך, דאס לערנט מען אויס קינדער, אז דאס איז ברסלב'ע חסידים? פאני מענטשן וואס שרייען פאני זאכן? וואס דארפן די קינדער יעצט טראכן פון ברסלב?

אזוי טראכט איך צו זיך ווי שטארק ברסלב איז פארשעמט יעדער טוט מיטן רבינ'ס נאמען וואס מ'וויל...

אזוי טראכטנדיג געב איך זיך א טיפע קלער אריין וואס איז מיט מיך? אז איך גיי אויפן גאס און דער וואס זעהט מיך טראכט 'דא גייט א ברסלב'ער' טראג איך דאך אן אויסטערלישע אחריות!

איך בין נישט א מענטש וואס טוט וואס איך טו, נאר יעדע זאך וואס איך טו דארף איך אכטונג געבן ווייל איך טראג אן אחריות און מארגן וועט מען מיך נאך נאכזינגען גוד מארנינג ראביי...

אלע וואס דרייען זיך ביים רבי'ן טראגן אן אחריות צו היטן אויפן רבינ'ס נאמען אזוי ווי דער ראש ישיבה ברענגט אן א שיעור מאל אין ספר עצתו אמונה פון ספר המידות וואס דער רבי שרייבט 'מי שאוהב את הצדיק צריך לשמור את הצדיק שלא יצא עליו שם רע'.
מאך זיכער זיך צו ארומדרייען מיט א שמייכל אויפן פנים, באגריס יעדן שיין, פיר זיך אויף מיט דרך ארץ, אזוי וועט איינער זעט דיר זאל ער זיך קענען אנרופן אז דאס איז א דוגמא פון א היכל הקודש תלמוד. קוק דער אינגערמאן וואס לערנט משניות בשעת ער ווארט





ביים רויט לייט, ער דרייט זיך ביים ראש ישיבה.

א בחור וואס לערנט ביים ראש ישיבה פארציילט מיר ער איז געגאנגען קויפן עסן אין א בעקעריי, ווען עס איז געקומען צו באצאלן האט ער ארויסגענומען זיין טעלעפאון צו זען די קרעדיט קארט נומבער, אזוי האלטענדיגע די טעלעפאון אפען האט דער רעכענער באמערקט א בילד פונעם ראש ישיבה אויף מיין טעלעפאון, ער גיבט זיך א רוף אן צו מיר "ביסט א תלמיד פונעם ראש ישיבה?" זאג איך אים יא, זאגט ער מיר "איך וועל דיר זאגן עפעס וואס קיינער פון מיינע נאנטע ווייסן נישט, איך הער שוין אויס די שיעורים פונעם ראש ישיבה פאר דריי יאר, איך זאג עס נישט פאר קיינעם ווייל איך זוך נישט קיין פראבלעמען".

ביים סוף האט ער מיר צוגעלייגט "נאך פאר ביסט געקומען באצאלן האב איך שוין געזען אויף דיר אז דו ביסט א תלמיד פון דער ראש ישיבה, ווייל איך האב געזען דיין התנהגות..."

דאס ווייזט ווי ווייט יעדער פון אונז האט אן אחריות צו זיך אויפפירן מיט דרך ארץ, און דאס איז די גרעסטע הפצה וואס קען נאר זיין, אז מען זעט א בחור/אינגערמאן/ווייבל פירט זיך מיט דרך ארץ.




Now offering pickup and dropoff services. Call ext 2 to schedule your ride.



# פעטע
# tasty
# פרישע
# salmon
# פיש
# fillets



## לכבוד שבת

Carrying a variety of fresh fish, herring, curred fish, and spreads

DELICIOUS FISH

# lemonade

KOSHER SUPERMARKET

## Food that talks

FISH BAKERY PIZZA BUTCHER SUSHI DELI GRAB & GO

BREADBERRY FIALKOFF'S BERRY'S Blooms Viennese

Onsite Seating

Open all year round

261 N Main Street, Liberty, NY | 845.218.1244 | lemonadesupermarket.com



פאר די ברסלב'ע תלמידה

# איך ווארט אויף משיח?!

ד. ווייסמאנדל

▪ כדי זיך צו אריינברענגען אין מצב פון חורבן, גייט מארגן קומען א עלטערע פרוי אונז דערציילן וואס זי איז אריבער ביי די מלחמה... אוי! אפשר האסטו עפעס א גוטע בוך פאר מיר, צו ליינען תשעה באב? לעצטע יאר האב איך געהאט עפעס א שרעקעדיגע בוך פון די מלחמה, גאנצע נעכט בין איך נישט געשלאפן נאכדעם,

"אך! שוין ווידער די ניין טעג!"

איידי האט נאכנישט אנגעיאגט צו באגריסן איר קאזין, און דבורי האט שוין אויסגעפלאצט "איך האב נישט קיין נערוון! איך ווארט אז די ניין טעג זאל שוין אריבערגיין!"

איידי פארשטייט נישט, "ווי ווייט איך געדענק עסטו כמעט נישט קיין פלייש, נאר וויסע, נאר געדינסט, איבערגעצויגן, איינגעקאכט. שווימען במילא נישט יעדן טאג. איז פארוואס ביסטו אזוי נערוועז?"

דבורי מעסט איר אפ פון אויבן אראפ, "וואס פארשטייסטו נישט? היינט אין שולע האב איך געמיינט אז מיין קאפ קראכט, די טיטשער האט גערעדט צוויי שעה וועגן טרויערן אויפן חורבן.

פארשטייסט שוין? מען מוז וויינען, אויב מען וויינט נישט קומט נישט משיח.

כדי זיך צו אריינברענגען אין מצב פון חורבן, גייט מארגן קומען א עלטערע פרוי אונז דערציילן וואס זי איז אריבער ביי די מלחמה... אוי! אפשר האסטו עפעס א גוטע בוך פאר מיר, צו ליינען תשעה באב? לעצטע יאר האב איך געהאט עפעס א שרעקעדיגע בוך פון די מלחמה, גאנצע נעכט בין איך נישט געשלאפן נאכדעם, נאך א מזל אז גלייך נאך תשעה באב הייבט זיך דא אן די זומער וואקאציע, ווען איך וואלט נאך געדארפט לערנען און זיך צושטעלן צום שולע וואלט איך אינגאנצן משוגע געווארן...

איידי הייבט אן צו פילן אומבאקוועם, עס שטייט איר אויפן צונג שארפע ענטפער'ס איינס נאכן צווייטן, אבער... פון די פריערדיגע שמועסן ווייסט זי זייער גוט ווי אזוי עס גייט זיך ענדיגן. צום סוף רופט זיך איידי אן, "איך האב זייער הנאה געהאט דיר צו טרעפן, אבער... מיין מאמע ווארט מיר, ביי!"

דבורי זעט אויס אנטוישט, זי זידט שטיל צווישן די ציינער, "דיין מאמע ווארט דיר?! ביזט א קליין קינד? שוין, שוין מ'וועט רעדן א צווייטן מאל, ביי!"

איידי באטראכט איר דערוויטערטע רוקן, עס זעט אויס ווי דבורי שלעפט דעם גאנצן גלות יאך אויף אירע יונגע אקסלען, זי לאכט נאכדעם צו זיך אליין, און שטעלט זיך פאר וואס עס גייט אריבער ביי דבורי אין קאפ. דבורי איז א געלונגענע מיידל, אירע עלטערן האבן אויסגעקליבן די בעסטע שולע פון שטאט, און זי גייט נאך לערנען א צוויי דריי יאר ביז זי וועט זיין געהעריג רייף אויפצושטעלן א שטוב.

זיכער טראכט זי צו זיך: איך בין א נעבעך? איידי איז די נעבעך! אזוי יונג שוין א כלה, גלייך ארויס פון שולע... און נאך אזא שמועס פילט זיך איידי אביסל צומישט, אפשר ווייס איך טאקע נישט וואס די יעצטיגע טעג מיינען?

דערווייל איז זי אנגעקומען אין שטוב, איר מאמע האט באמת געווארט אויף איר, און איר אויפגענומען מיט א מידן אבער גוטמוטיגן שמייכל. "א גוטן טאג, מיין מלאך המושיע! אה! איך זע דו האסט ערלעדיגט פונקט וואס איך האב געבעטן! איך האב געוואוסט אז דו ביזט אן אחריות'דיג קינד!"

מיט א צופרידענע געפיל איז איידי אריין אין קאך און זיך אנגעגאסן א גלעזל קאלט וואסער. נאכן זיך אפרוען אפאר מינוט האט זי זיך ארומגעקוקט און אויפן בליק פארשטאנען וואס זי האט צוטון, "מאמי! זאל איך פארענדיגן דעם נאכטמאל און טיילן פאר די קינדער?" איר מאמע איז אריינגעקומען אין קאך, אירע אויגן האבן אויפגעשיינט "זיכער! דאס דארף יעצט ווערן געטון".

די קינדער קומען צו לויפן, אה! איידי גייט אונז געבן נאכטמאל?

איידי! ווילסט זען די בילד פון בית המקדש וואס איך האב געמאלן?

איידי! קוק וואס איך האב געבויעט פן די קליקס!

איך וויל זיצן נעבן דיר!

די קינדער עסן אפ און נאכדעם העלפט זי זיי לייגן שלאפן, זי האפט אז נאכדעם וואס עס וועט שוין זיין שטיל וועט איר מאמע איר העלפן קלאר מאכן די צומישטע געדאנקען וואס בוזשעווען אין איר קאפ אן אויפהער. אבער נאך אפאר מינוט זעט זי ווי איר מאמע גרייט זיך ארויסצוגיין, "איידי, איך דארף וויכטיג ארויסגיין, דו וועסט דא בעיביסיטן, קענסט אנרופן א חבר'טע אויב דו ווילסט. א גוטע נאכט!"

אין הויז ווערט שטיל, איידי פילט זיך אביסל... עם... עם... אנגעפאטשט... זי הייבט אן צו רוימען די הויז, וועמען קען איך אנרופן יעצט? "הייליגער באשעפער איך בין זייער צומישט איך וויל רעדן מיט איינעם, וואס זאל מיר העלפן אויסקלארן מיינע געדאנקען".

אה! איך קען פרובירן רופן מרת לערנער, מיין מאמע זאגט אז זי האט שכל ווי מענטשן פון זיבעציג יאר.

"העלא? מרת לערנער? איידי רעדט".

"אה! איידי!" גיטי לערנער'ס ווארעמקייט גיסט זיך אריבער דעם טרייבל "רופסט מיר פונקט גוט, מיין מאן איז יעצט נישט אין שטוב און איך וועל הנאה האבן צו טון די שטוב ארבעט בשעת'ן שמועסן מיט דיר. וויאזוי גייט עס? וויאזוי גרייטסטו זיך צו דיין חתונה? וואס וועט דיין מאמע טון אן דיר נאכדעם וואס דו וועסט חתונה האבן?

איידי צושמייכלט זיך, "מיין מאמע זאגט אז דער זעלבער באשעפער וואס העלפט איר אלעמאל וועט איר דעמאלט אויך העלפן. אבער ווייסט, איך טראכט נאר פון מיין חתונה, פון פרייליכע זאכן, איך בין אויך אזוי פארנומען די טעג, איך שפיר בכלל נישט די חורבן!

גיטי הערט זיך פארוואונדערט. "מיט וואס ביסטו פארנומען? מיטן זיך גרייטן צו בויען א... בית המקדש פארן אייבערשטן! וואס דארפסטו מער פון דעם?"

ניין... איך האב געטראפן מיין קאזינע און זי דערציילט מיר אלץ וואס מען טוט זיי אין שולע, זי גרייט זיך עכט אויף תשעה באב! וואס לאכסטו? איך בין זייער ערנסט!

גיטי בארוהיגט זיך קוים פון געלעכטער, "פארוואס איך לאך? ווייל פונקט טראכט איך אז דאס איז איינע פון די שענסטע מתנות וואס איך האב באקומען פונעם ראש ישיבה שליט"א.

וואס? איך פארשטיי נישט!

יא, אלע יאר האב איך געמיינט אז איך דארף זיך שטיקן צו וויינען, היינט ווייס איך אז מען וויינט נישט אויף א זאך וואס איז שוין געווען, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט מען וויינט נישט אויף אויסגעגאסענע מילך, נאר מיר וויינען אויפן חורבן פון יעצט, אויף דעם וואס דער בית המקדש איז נאכנישט אויפגעבויעט ביי אונז אין מח. מען טרויערט אויף דעם וואס מיר זענען אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, אז נאר ארויסצורעדן א פשוט'ע ווארט צו אים קומט אונז אן אזוי ביטער שווער!

איידי ווערט פארטראכט, "אבער למעשה ווייס איך אז תשעה באב אליין גיי איך קוים האבן צייט צו טראכטן. פאריגע יאר בין איך געווען פארנומען א גאנצן טאג מיט מיינע געשוויסטער, נאר אנפיטערן, נאר שפילן אביסל, נאכמיטאג האב איך זיך אפגערועט און געבאקן עפעס אויסצופאסטן און שוין..."

וואס דען ווילסטו טון? ליינען שרעקעדיגע מעשיות? אוודאי דארפן מיר וויסן וואס די דייטשן ימח שמו האבן געטון מיט אונזערע זיידע'ס און באבע'ס, אבער אז מען ווייסט אז דער אייבערשטער טוט אלעס ברענגט עס נישט קיין טראומע'ס, פאר די אלע קדושים השם ינקום דמם איז היינט אזוי גוט, זיי זענען אנגעקומען אין אזעלכע הויכע פלעצער, זיי זיצן אין גן עדן וואס צדיקים גלוסטן אנצוקומען דארט.

אויב פאר די אלע אידן איז היינט אזוי גוט, דעמאלט וואס דארף איך בכלל וויסן וואספארא שרעקליכע צרות זיי זענען אריבער?

דו פרעגסט א גוטע שאלה - שטימט גיטי צו - דו ווייסט, אסאך מאל ווען עס פארגלוסט זיך אויסצוזען ווי די גוים, ווען עס זעט אויס ווי זיי האקן א לעבן, דעמאלט דארף מען געדענקען די אלע גרויליגע מעשיות פון זיי, און זיך דערמאנען וואס די אלע שיינע בעסערע דייטשן ימח שמו האבן געטון מיט אונזערע עלטערן, און וואס דער היינטיגער גוי וואלט געטון מיט אונז ווען די פאליציי וואלט נישט געווען דא...

מיינט עס אז יעדן מאל וואס איך פיר זיך מיט דרך ארץ צו מיינע עלטערן, יעדן מאל וואס איך טו זיך אן איידל און שיין, קומט משיח נענטער?

ממש אזוי! און יעדן מאל וואס מיר האלטן די הלכות פון די בין המצרים טעג, ווייזן אונז ווי שטארק עס טוט אונז וויי אז אונז זענען אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, און ווי שטארק אונז בענקען און האפן זיך צו טרעפן אינאיינעם אין ירושלים. במהרה בימינו אמן!!!



# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM




B&H
DRY GOODS

1619 NY-52
LIBERTY, NY 12754
BACK ENTRANCE

845.320.3332



שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף
האשקי צו פארדינגען
פאר א שבת, אדער
פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

## השבת אבידה שטיבל

קומענדיגן דינסטאג ואתחנן וועט זיין אם
ירצה השם

### א גרויסע אויספארקויף

פון אלע חפצים ביים השבת אבידה שטיבל
אויף 121 טווין ברידזש אין בעיסמענט.

פון 12 אינדערפרי ביז 7 ביינאכט.

***

גרויסע אויסוואל פון
רעקלעך, מאנטלעך, רעגן מאנטלעך, מעיל, שאלן,
טליתים, העמדער, אלע סארט מענער וועש, שירעמס,
רעפלעקטערס.

## דירה אין שטעטל פאר זומער

הערליכע פיר בעדרום דירה שטייט
גרייט צו פארדינגען פאר ביז סוף זומער

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
917-501-5100

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*


**Linen Boutique**
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers** is our brand

Please contact **Breindy Tyrnauer**
347-228-2931
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754



קומט איר צו די קעטסקילס?



free delivery with minimum order

מיר האבן א גרויסע אויסוואל
פון אלע ספרים Judaica
און ביכער פאר קליין און גרויס

קרית ברסלב
ספרים & judaica

מיר וועלן אפען א גאנץ יאר
אפען טעגליך 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - האלבע שעה נאכן זמן - ביז 1:00

51 Twin Bridge Rd Liberty New York 12754 left side entrance 347-578-4449



א אינגערמאן זוכט איינער וואס זאל ארויסהעלפן באצאלן זיין טיקעט קיין אומאן.
רופט בנציון יאקאבאוויטש
347-585-9054



If you found in shtetel a watch
**Reyman weil Geneve**
Call 347-546-5911



Electrolysis, Tinting, Waxing
For appointment call
N. A. Appeldorfer



בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

קרית
# ברסלב
בלעטל

# קינדער אפטיילונג
פרשת דברים

## מידות
אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**
**מ'זעהט קלאר אז אלע עשירים זענען**

א. נאבעלע מענטשן
ב. משוגעים
ג. עוסק אין העלפן אידן
ד. פליטעס

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט געזאגט: וואס האט א איד זיך צו זארגן אז ער גייט אוועק פון דער וועלט מיט
**בארד און פיאות**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אשר טייטלבוים נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף
די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | א | ב | נ | ה | א | ב | נ | ז | כ | ש | ד | י | מ | מ | ב |
| ל | ע | ר | ע | ר | י | נ | ס | ד | י | א | ט | ת | י | י | ל |
| ד | ק | ת | ח | י | ע | מ | י | ט | א | כ | י | א | ט | ט | ס |
| א | נ | ל | ק | ר | פ | ר | נ | ג | ז | ב | ת | ר | ר | ר | ר |
| נ | ו | מ | ל | ל | ע | ע | ח | ו | ו | ו | ע | ט | צ | ק | ב |
| פ | פ | י | ה | ה | ז | כ | ט | ט | י | ד | ו | ר | ו | ת | נ |
| ל | כ | ד | פ | ו | ת | ג | ש | ע | כ | ס | א | ע | ק | ג | ע |
| ע | מ | ה | ט | ש | א | ו | ק | ר | י | ת | ר | ד | ע | ר | מ |
| ה | י | א | פ | ז | ט | ט | ד | פ | ס | ע | ט | ר | ב | ח | נ |
| ג | ד | י | ר | ש | נ | ע | ש | י | י | נ | י | ס | כ | י | ה |
| ר | ו | י | ז | י | כ | ו | ל | י | מ | ג | ע | ד | ח | ר | ל |
| י | ת | ב | א | י | א | ד | א | נ | ט | ר | א | ת | צ | נ | ת |
| ס | ל | ע | ט | נ | כ | י | י | צ | ע | ג | ס | י | ו | א | ז |
| נ | ה | ר | ד | ע | ו | ז | ד | ד | ד | ע | ד | פ | פ | ע | א |
| ו | נ | ש | ג | ר | ו | י | נ | פ | י | ר | ט | י | א | ד | ל |
| ו | מ | ט | מ | כ | כ | א | ו | ו | י | ל | ו | ו | ה | ו | כ |
| י | ה | ע | ה | ע | ר | נ | נ | נ | ת | א | ז | ד | ג | י | נ |
| י | ז | ר | ז | ש | ח | ז | א | ר | צ | ד | י | ג | א | ש | ה |
| ט | צ | י | ש | י | ו | ל | א | ג | ד | מ | י | כ | פ | א | ר |
| ע | מ | ט | י | ג | י | ז | ג | ל | ל | ז | י | י | נ | ו | ס |
| ר | א | י | ר | נ | א | נ | ב | ת | ט | א | ו | י | כ | נ | ה |

**...תחי', תלמידה בית פיגא קרית ברסלב**

איך הער פון די מנהלת תחי' און פון אייערע לערערינס אז איר זענט אן אויסגעצייכנטע תלמידה, **איר פירט זיך מיט דרך ארץ און מיט גוטע מידות.**

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער האבן די כח זיך צו שטארקן, זיין דרך ארץ'דיג און זיין שיין צו אנדערע, מיט גוטע מידות; **וועט איר זוכה זיין צו אויפשטעלן א שיינע שטוב און האבן ערליכע דורות.**

זאגט פאר אייערע חבר'טעס איך וויל אזוי שטארק הערן פון די מנהלת גוטע גריסן אויף זיין אויך.

(עצת אמונה פרשת קרח תשפ"ג)

## טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

**ו. גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מֵהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְהַקְבָּלַת פְּנֵי שְׁכִינָה.**

אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט אִיז גְרֶעסֶער פוּן קוּמֶען צוּפְרִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן גְרֶעסֶער פוּן מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבין פארהער

וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנען דיך די בילדער?






ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי האט געזאגט: "איך האב גע'פועל'ט ביים אייבערשטן אז ווען מ'וועט טראכטן פון מיר וועט מען ווערן ווי א קטן שנולד!"

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





אויפן בילד: ברייטהארציגע עסקנים ביי א זיצונג מיטן בעל ה'פירמע "טשעגרידי" פאר די ערשטע הארץ קאמפיין תשע"ח

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

הענדי פערל תחי' - בית פיגא ירושלים פארציילט:










איילה לעווינזון תחי' - טברי' פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא

**שיעור פאר די בחורים און קינדער אין היכל אברהם הערש ביים אילן החיים קאנטרי - מאנטאג מטו"מ**



קרעדיט:יוסי פרערויא



קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה



קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה




סיום הש"ס פון הילד אברהם לעזער נרו יאיר - מיטוואך
מטות מסעי







ביים געבן א נאמען און לחיים פון בת מו"ה משה
עקשטיין הי"ו - דאנערשטאג מטות מסעי







נייע ספר תורה אריינגעברענגט צום בית המדרש היכל
הקודש טברי'

ווער ווען וואו?

## קענט איר אויסגעפונען
## ווער, ווען און וואו איז די בילדד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




1. ראש ישיבה שליט"א
2. הערשל זאבעל
3. יודל פאפלאנאש
4. ישראל מנחם ראזענבערג
5. ברוך מרדכי פעקעטע
6. שמואל מרדכי יאקאבאוויטש

דער ראש ישיבה שליט"א ביים לערנען מיט די בחורים
די ערשטע יאר זומער אין קאנטרי - תשס"ט

# שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

**mint COLLISION**

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

# אריין אין קאנטרעקט?



MarketEdge

די דאגה פון קלאוזן
איז פונקט געווג, לאזט די
אינשורענס פאר די פראפעשענעלס.
אייער לאקאלע אינשורענס בראוקער שטייט
גרייט אייך צו צושטעלן אלע אייערע אינשורענס געברויכן.

GNP
INSURANCE BROKERAGE

**ISRAEL ZELKOWITZ**
Israelz@gnpbrokerage.com
347.661.2579 845.407.2614

PROTECT YOURSELF WISELY.



# ראש השנה

# אומאן

תשפ"ד

## באקוועם | אויסגערוהט | עלעגאנט | הייליש



## פלען איט רייט

**טשארטער 1:**

**ארויס:** מאנטאג, כ"ה אלול
LEAVES: SEP 11, 10:30 PM | ARRIVES: 1:30 PM

**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 5:45 PM | ARRIVES: 9:45 PM

**טשארטער 2:**

**ארויס:** דינסטאג כ"ו אלול
LEAVES: SEP 12, 10:55 PM | ARRIVES: 1:45 PM

**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 1:45 PM | ARRIVES: 5:45 PM

**באקוועמע פליגער עטה"ק**

היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג

**פרייז רעכנט אריין אלע אינערליכע רייזעס ביז עיה"ק אומאן, מיט די פריוואטע פלען איט רייט באנען**

כדי זיך צו פארזיכערן מיט די early bird דארף מען זיין אפגעצאלט ביז ר"ח אב

# טשארטערס

קיין ריישא פוילין

**ECONOMY: CHARTER 1:** WAITING LIST ONLY **$2800 | CHARTER 2: $2500**

**$4500 PREMIUM ECONOMY | $7550 BUSINESS**

**אפציע 3:**

כאפט אייך מיט אויף איינע פון אונזערע **22 גרופ-טיקעטס**
צו פילע דעסטענאציעס ארום אוקריינא,
לויט אייער באקוועמליכקייט (רומעניא - קישענוב - פוילין)

פרייזן אנגעהויבן פון $899

היות מיר וועלן הערשט באשטעטיגן חודש אלול די גענויע באנען צייטן

**דעריבער וועלן מיר נאר פארקויפן פריוואטע באנען-טיקעטס פון ר"ח אלול**

## פלען איט רייט טשארטער באן

פשעמישל-פוילין קיין אוקראיינע

**טשארטער באַן 1:**
**ארויס:** דינסטאג
**צוריק:** מוצאי יו"ט

**טשארטער באַן 2:**
**ארויס:** מיטוואך
**צוריק:** מוצאי יו"ט

**באקוועמע באנען עטה"ק**

היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג

**אריינגערעכנט די רייזעס פונעם באן ביז אומאן**

די שנעלסטע און גרינגסטע וועג אריבער צו גיין די גרעניץ

**פרייז: $595**



**Plan it Rite**

**845.678.3555**

www.planitrite.com

## קיין אומאן פארט מען מיט פלען איט רייט

ראש השנה שלי עולה על הכל - קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראהאנדין


גרויסע
בנינים
איז
נישט
אונזער
זאך
אבער
אונזער
זאך
דארף
גרויסע
בנינים
אנשי
חיל
$1,000,000
י"ד - ט"ז
מנחם אב
DRYVEUP.COM/BRESLEV | 718-568-5743
האט איר שוין
גענומען א פעידזש?


גרויסע בנינים
איז נישט אונזער זאך
אבער אונזער זאך דארף
גרויסע בנינים
אנשי חיל
$1,000,000
י"ד - ט"ז מנחם אב
DRYVEUP.COM/BRESLEV | 718-568-5743
האט איר שוין גענומען א פעידזש?

בס"ד

דגים בכל מטעמים

א פולע ליין פון

# פרישע פיש לכבוד שבת

דעליווערט אין די קעטסקילס
פון טייך צום טיר

רויע פיש / געקאכט / געבאקען | געפילטע פיש



## YEAR-ROUND DELIVERY

Coming to the **mountains for Shabbos?** Make your stay even better, with just one phone call get your fish delivered straight to your doorstep. **Place your order till Friday morning** and enjoy the convenience of having your fish delivered anywhere in Sullivan County.

ועד הכשרות
קרית ברסלב

DELICIOUS FISH
Liberty
NY

Call **845.747.0093**